# דעם רבינ'ס ליכט

בהר בחוקותי תשפ"א
גליון 41



אַײעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוועל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דִי וָואךְ הֵייבְּט דִי תּוֹרָה אָן "אִם בְּחֻקּוֹתַי תֵּלֵכוּ" אַז מֶען וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה וֶועט קוּמֶען גָאר גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן מַתָּנוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער "וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ - אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן" וֶועט קוּמֶען חָלִילָה פַארְקֶערְט.

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק "עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ - פַארְוָואס אִיז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן"? מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּרֶעגְן דִי קַשְׁיָא פוּן אַלֶע חֲכָמִים אוּן נְבִיאִים בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַיֹּאמֶר ה' עַל אֲשֶׁר עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי - ווייל דִי אִידְן הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה". חֲזַ"ל זָאגְן אַז דָאס מֵיינְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט 'בִּרְכַּת הַתּוֹרָה' פַארְן לֶערְנֶען.

אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ, דִי חֲכָמִים הָאבְּן דֶען נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דִי אִידְן הָאבְּן פַארְלָאזְט דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן עֶס קֶען וֶועגְן דֶעם קוּמֶען אַ חוּרְבָּן? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ קְלָאר גֶעזָאגְט "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.. וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ".

נָאר וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "פַארְוָואס אִיז דָאס לַאנְד חָרוּב גֶעוָוארְן?" הָאט עֶר מִיט דֶעם קַשְׁיָא גֶעוָואלְט עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טוֹבָה אוּן אַ תַּכְלִית פוּן דִי קַשְׁיָא. מִיר זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען גוּטֶע עֵצוֹת. "ווִיאַזוֹי קֶען אִיךְ יֶעצְט פַארְרֶעכְטְן אַלֶע קִלְקוּלִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם חוּרְבָּן?" אוּן דִי טִיפֶע שְׁאֵלָה הָאבְּן דִי חֲכָמִים נִישְׁט גֶעווּאוּסְט צוּ עֶנְטְפֶערְן. ווַייל וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁען אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעשֶׁען! וָואס אַ חִילוּק פַארְוָואס אוּן דוּרְךְ וֶועם אִיז עֶס חָרוּב גֶעוָוארְן, סְ'אִיז דָאךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא?

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער יָא גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן טִיפֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן, מֶען זָאל גוּט פַארְשְׁטֵיין ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁאָדְנְס וָואס

הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם חוּרְבָּן, אוּן טַאקֶע נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעקֶענְט דָאס מְגַלֶּה זַיין ווַייל סְ'אִיז זֵייעֶר טִיף אַז מִיר וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין.

סְ'אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דִי אִידְן הָאבְּן לַיידֶער עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת אוּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער טִיף טִיף הָאט זֵייעֶר הָארְץ נָאךְ גֶעבְּרֶענְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווַייל "גְרוֹיסֶע ווַאסֶערְן אוּן טַייכְן קֶענֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אִידְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן".

דֶערְפַאר וָואלְטְן דִי אִידְן זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען כָאטְשׁ אַבִּיסֶעלֶע הֲלָכוֹת אֲפִילוּ אֵיינְס צְווֵיי, יֶעדְן טָאג, אָבֶּער לַיידֶער הָאבְּן דִי אִידְן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעטוּן, "וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי" זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט דָאס אוֹיעֶר צוּ הֶערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס קוֹל וָואס שְׁרַייט אִין הָארְץ פוּנֶעם אִיד יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדְן צַייט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן. מֶען דַארְף צוּלֵייגְן דָאס הַארְץ צוּהֶערְן דָאס קוֹל, כָאטְשׁ צוּ 'ווֶועלְן אוּן בֶּעטְן' צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ווַייל אֲפִילוּ דִי רָצוֹן אִיז גָאר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

זֵייעֶר עִיקָר חִסָּרוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז "וְלֹא הָלְכוּ בָהּ - שֶׁלֹּא בָּרְכוּ בַּתּוֹרָה תְּחִלָּה". דִי אִידְן זֶענֶען זִיכֶער נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן אַרָאפְּגֶעווָארְפְן דֶער עוֹל אוֹיף אֵיינְמָאל, זֵיי הָאבְּן זִיכֶער נָאכְן חוּרְבָּן נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסֶל, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעפְרֵייט מִיט דִי תּוֹרָה צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים אַז עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶוועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָר דָאס אִיז דִי הַיילִיגֶע תּוֹרָה - אוּנְזֶער לֶעבְּן, וָואס דֶערְפַאר זָאגְן מִיר דִי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף אוּנְזֶער זִיסֶער חֵלֶק אוּן גוֹרָל וָואס מִיר הָאבְּן גֶעווִינֶען.

המשך אויף זייט 4

# אפאר מינוט צייט
# **א *מעשה'לע* פון רבי'נס לייט**

**ליין די מעשה אדער קענסטו דאס הערן אויף די טעל-ליין**
**צו הערן: קלינג אין טעל-ליין און דריקט נומער 2 2**

**אויב דו האסט פארציילט די מעשה ביים שבת טיש**
**קענסטו אריין גיין אין גורל דורך דריקן 23**

טײַעֶרע קינדֶער הַיינט גייעֶן מִיר כאפְּן אַ שְׁפּאַציר אין שְׁטֶעטֶעלֶע מֶעזְבּוּשׁ, דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט. לָאמִיר זֶען וֶוער פוּן אַייךְ קִינְדֶער ווייסְט, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט וֶועלְכֶער אִינְגֶעל ווייסְט נִישְׁט וֶועלְכֶער צַדִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעזְבּוּשׁ?

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ, אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שַׁארְפֶע קָאפּ, אוּן גֶעקֶענְט גָאר אַסַאךְ לֶערְנֶען אָבֶּער לַיידֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אוּן הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג פוּן חֲסִידוּת.




דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֵיין צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶועג פוּן בַּעַל שֵׁם, זֵיי הָאבְּן אַוַודַאי גֶעפָאלְגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם אוּן אַזוֹי אִים מְקָרֵב צוּ זַיין אוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

עֶר רוּפְט זַיין שָׁכֵן אַ גוֹי אִיוַואן, אִיוַואן וואוּ הָאטָאוויי - דִי בִּיסְט גְרֵייט? עֶנְטְפֶערְט אִיוַואן נַאפְּעוּוְנָא – אִיךְ בִּין גְרֵייט!, עֶר פָּארְט אוֹיפְן וָואגְן צְווִישְׁן דִי שְׁמָאלֶע וֶועגְן בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּם הֵיילִיגְן הוֹיז.

דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, עֶר גֵייט צוּ צוּם צִימֶער וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיצְט דֶער אִינְגֶערְמַאן שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם נֶעמְט נִישְׁט פוּן אִים קֵיין שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים אֲפִילוּ קֵיין אֵיין וָוארְט...

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט פַּארְוָואס דֶער בַּעַל שֵׁם דֶערְווַייטֶערְט אִים אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט פָּארְט פְּרָאבִּירְט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטִיפְּן נֶענְטֶער צוּם בַּעַל שֵׁם, אָבֶּער נֵיין! דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים, אַ פָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אָט עֶר נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בַּעַל שֵׁם אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועט דֶער רֶבִּי רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶּער פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר, דֶער בַּעַל שֵׁם רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים גָ-אָ-רְ-נִ-י-שְׁ-ט.

אַזוֹי הָאט עֶר אַפָּאר מָאל פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרַיין גֵיין אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם מְרַחֵק גֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים.

בִּיז אֵיינְמָאל אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער דָאס מָאל קוּמְט עֶר אַרַיין מִיט הַכְנָעָה אוּן מִיט אַ גְרוֹיס גֶעוויין: "רֶבִּי זַיי מִיךְ מְקָרֵב! אִיךְ ווִיל דִיר פָאלְגְן אוּן ווִיל זַיין נָאנְט צוּ דִיר! אִיךְ בֶּעט דִיךְ רֶבִּי, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין נְשָׁמָה".

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען. אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב.

זָאלְסְט ווִיסְן! יֶעצְט וֶוען דִי גֵייסְט אַהֵיים גֵיין אוּן דִי גֵייסְט אַרַיינְגֵיין פְרִישׁ אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם גֵייעֶן זִיךְ אָנְהֵייבְּן אוֹיף דִיר אַסַאךְ מַחֲלוֹקֶת. קוֹדֶם גֵייט דַיין מִשְׁפָּחָה זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר, נָאכְדֶעם דַיינֶע שְׁכֵנִים, אוּן דֶערְנָאךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וואוּ דִי וואוֹינְסְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר

אוּן וֶוער נָאךְ קִינְדֶער? וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק וֶוער וֶועט, וֶוער קֶען דָאס זַיין וֶוער נָאךְ גֵייט זִיךְ קְרִיגְן..

שַׁא שַׁא..... אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶעךְ גֵייעֶן זִיךְ קְרִיגְן אוֹיף אִים . יָא פֵייגֶעלֶעךְ.

דֶער אִינְגֶערְמַאן פָּארְט צוּרִיק אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטָאט אוּן הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי רִיכְטִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן הֵייבְּן זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אִים אוּן זָאגְן אִים. וָואס בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ פְּרוּמַאק הַא? א גַאנְצֶע טָאג דַאוֶוענְסְטוּ, דִי מַאכְסְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי וֶועלְדֶער, דִי צֵיילְסְט דִי בְּלֶעטֶער פוּן דִי בֵּיימֶער? עֶה עֶה

אֲפִילוּ דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז פְּרִיעֶר אַזוֹי בַּאלִיבְּט גֶעוֶוען אִין זַיין שְׁטוּבּ אוּן אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אִים אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט ווייל עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ עֶרְלִיכֶער אִיד הָאבְּן אָבֶּער אַלֶע זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים זַיין שָׁכֵן שְׁמֶערְל שְׁרֵייט אִים פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גַאס: "קוּק אִים אָן, עֶר קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט הַאלְבֶּע פַּארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, עֶה וָואס זוּכְט עֶר אוֹיף דִי עֶרְד? הָע אֶפְשָׁר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אֶפְשָׁר גֶעלְט?"

אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער אִינְטֶערְסַאנְטֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט רֶעדְט פוּן אִים אוּן מְ'לַאכְט פוּן אִים, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט.

אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם דֶּרֶךְ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין אַ דַאוֶוענֶען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן גֶעשְׁמַאק: "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם, בָּרוּךְ הוּא בָּרוּךְ אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה בָּרוּךְ גּוֹזֵר וּמְקַיֵּם", אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַן אִינְדִיק אַ גְרוֹיסֶע הִינְדֶעלֶע, נַא נָא נָא, עֶר פְּרוּבִּירְט אַוֶועק טְרֵייבְּן דֶעם אִינְדִיק "בָּרוּךְ מְרַחֵם עַל הָאָרֶץ בָּרוּךְ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת", אָבֶּער דִי אִינְדִיק אִיז ווִידֶער דָא אוּן שְׁטֶערְט אִים אִינְמִיטְן זַיין גֶעשְׁמַאקְן דַאוֶוענֶען דֶער אִינְגֶערְמַאן טְרֵייבְּט אִים נָאכְאַמָאל אַוֶועק. נָא נָא! אָבֶּער דֶער מְחוּצְּף אִינְדִיק טַאנְצְט אִים ווִידֶער אַרוּם אוּן שְׁטֶערְט אִים.

עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, עֶר כַאפְּט אַ הַאק, עֶר ווִיל אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם אִינְדִיק וָואס שְׁטֶערְט אִים דָא אִינְמִיטְן זַיין זִיסְן דַאוֶוענֶען.... בִּיז... עֶר גִיט זִיךְ אַ דֶערְמַאן אִין דִי הֵיילִיגֶער ווערְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אַז אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים"... הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעלָאזְט דֶעם הִינְדֶעלֶע גֵיין זַיין וֶועג. אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן א כַּעַס עֶר וָואלְט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען וֶוען עֶר הַארְגֶ'עט וֶוען דֶעם אִינְדִיק.



דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט עֶס שְׁטֵייט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (עֲבוֹדַת הַשֵּׁם' תר"ח)

עֶס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז יֶעדֶער אִינְגְל דַארְף ווִיסְן אַז וֶוען מֶען וויל וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אִיד אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק אֲפִילוּ עֶר וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט,

אוֹיף אַזוֹי ווַייט אַז אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים דֶערְווַייטֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט, דַארְף מֶען שְׁטֵיין שְׁטַארְק אִינֶעם נִסָּיוֹן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז דֶערְוַוייטֶערְן דַארְף מֶען ווַייטֶער זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִינְגַאנְצְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט דַארְף מֶען זִיךְ פוּן יֶעצְט עַקְשְׁנֶ'ען אוּן פָארְן צוּ אִים אָדֶער לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן גְלֵייבְּן אִין דִי צַדִּיקִים אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.



# לאמיר זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## "הקדמה"



"משיח ניגון"
הער און האב הנאה! ווען די ענדיגסט די בחינה לייג צו אן אויער פאר דעם הערליכן ניגון.

**א. וויאזוי רופט רבי נתן יעדע ווארט פון די מעשיות?** (להתוודע ולהגלות)
- ☐ טהור
- ☐ קודש
- ☐ קודש קדשים

**ב. וואס האט דער רבי געזאגט ? ער וויל דרוקן א ספר פון מעשיות וואס זאל זיין?** (הקדמה אויף אידיש)
- ☐ אויבן אויף לשה"ק אונטן אויף טייטש
- ☐ אויבן אויף טייטש אונטן אויף לשה"ק
- ☐ נאר אויף לשה"ק

**ג. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?**
- ☐ אז יעדע ענין פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ☐ אז יעדע ווארט פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ☐ אז יעדע מעשה פון די מעשיות האט א כוונה עצומה

**ד. וואס נאך האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?**
- ☐ אז ס'איז ראוי עס צו דרשנ'ן ברבים
- ☐ אז ס'איז ראוי אויפצושטיין אין ביהמ"ד פארלערנען די מעשיות
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא התעוררות באקומט מען פון די מעשיות?**
- ☐ זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן און עוסק זיין נאר אין תורה אין עבודה
- ☐ זיך אוועקבייגן פון נארישקייטן פון דער וועלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וויאזוי שרייבט זיך רבי נתן אונטער?**
- ☐ שהלא כה דברי הכותב והמסדר
- ☐ הלא כה דברי הכותב והמסדר והמעתיק
- ☐ הלא כה דברי הכותב והמעתיק

**ז. וואס איז דער נאמען פון דער טאטע פון רבי נתן?**
- ☐ מוהר"ר נפתלי
- ☐ מוהר"ר נפתלי צבי
- ☐ מוהר"ר נפתלי הערץ

**ח. אוואו האט רבי נתן געוואוינט בשעת ווען ער האט געשריבן די הקדמה?**
- ☐ ברסלב
- ☐ אומן
- ☐ נעמירוב

**ט. וואס איז דער נאמען פון דער שווער פון רבי נתן, און אוואו איז ער געווען רב?**
- ☐ ר' נפתלי הערץ-אב"ד קרעמיניץ והגליל
- ☐ ר' דוד צבי - אב"ד שאריגראד ומאהליב והגלילות
- ☐ ר' דוד צבי - אב"ד קרעמיניץ והגליל שאריגראד ומאהליב והגלילות

**י. זענען די מעשיות נייע?**
- ☐ אלע זענען אינגאנצן ניי
- ☐ אלע זענען מעשיות וואס די וועלט דערציילט נאר די רבי האט עס פאררעכטן
- ☐ רוב זענען אינגאנצן ניי, נאר איינע אדער צוויי זענען וואס די וועלט דערציילט נאר די רבי האט עס פאררעכטן

**יא. וואס האט דער רבי געזאגט ווען ער האט אנגעהויבן דערציילן די מעשיות?**
- ☐ איך וועל שוין אנהויבן מעשיות צו דערציילן
- ☐ איך וועל דערציילן א מעשה
- ☐ איך וועל דערציילן די מעשיות

**יב. וואס איז דא אין די מעשיות אפ' על פי פשוט?**
- ☐ אביסל התעוררות צו עבודת השי"ת
- ☐ א גרוסע התעוררות צו עבודת השי"ת
- ☐ זייער זייער א גרוסע התעוררות צו עבודת השי"ת

**יג. שאלת זכות: אויף וועלכע ספרים האט רבי נתן געזאגט אז דער זאגן אליין, איז מסוגל פאר די נשמה אזויווי צו זאגן די זוהר הק' און די תיקונים?** (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כ"ז)
- ☐ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות
- ☐ סיפורי מעשיות, שיחות הר"ן
- ☐ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות, סיפורי מעשיות, און זיינע שיחות

**יד. שאלת זכות: אין וועלכע טעג זאגט אונז רבי נתן אז ס'איז א מצוה צו זאגן די אלע ספרים פון אנהייב ביז'ן סוף און ס'העלפט זייער זייער?** (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כ"ז)
- ☐ אין די טעג פון ספירה
- ☐ אין טעג פון בין המצרים
- ☐ אין די הייליגע טעג פון אלול

**און השי"ת וועט אונז שיקן דעם גואל צדק באלד אין אונזרע צייטן - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
קלינג:
02-5-3333-72
646-518-1095
צו מנדב זיין פאר דער גליון
לכבוד א שמחה / לע"נ
ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן
058-323-3287

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין מִיט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן דַארְף עֶר נָאכְאַלְץ זַיין גֶעווָאוֹינְט צוּ דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי בִּיסֶעלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר פַארְמָאגְט נָאךְ, דִי בִּיסֶעלֶע תּוֹרָה אוּן דִיבּוּרִים וָואס עֶר רֶעדְט נָאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָאס אַ לִמּוּד פַאר אוּנְז נָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן וָואס מִיר הָאבְן גֶעהַאט דֶעם ל"ג בָּעֹמֶר, אַז יֶעדֶער פוּן אוּנְז זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט עֶפֶּעס אַ קְלֵיין נְקוּדָה וָואס עֶר קֶען. מִיר זֶענֶען דָאךְ בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַ קַבָּלָה וָואס קֶען אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס גַאנְץ קְלֵיין וֶועלְן מִיר זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם קַבָּלָה אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם.

אוּן מִיט דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן וֶועג פוּן דַאנְקְן אוֹיף דִי בִּיסֶעלֶע וֶועט מֶען קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד אוּן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בִּמְהֵרָה גֶעבּוֹיט וֶוערְן אָמֵן. אוּן מִיט דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן וֶועג וֶועט מֶען קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד אוּן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בִּמְהֵרָה גֶעבּוֹיט וֶוערְן אָמֵן. (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פְּרִיקָה וּטְעִינָה ד')